

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## יתרו

# א פאָלק פון ניסים

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת יתרו

# א פּאָלק פון ניסים

לעזער האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ; יעצט איז געקומען זיין רייע צו זאגן א תורה, פרייטאג צונאכטס ביים שבת טיש.

"די פרשה פון די וואך הייבט זיך אן אזוי, "וישמע יתרו - און יתרו האט געהערט וואס השי"ת האט געטון צו די אידן, ער האט זיי ארויסגעצויגן פון מצרים ... און ער האט מחליט געווען צו גיין מיט די אידן אין מדבר.

"מיין רבי פרעגט א שאלה", איז לעזער ווייטער ממשיך, "וואס איז געווען אזוי גרויס מיט יציאת מצרים און קריאת ים סוף אז יתרו זאל וועלן פארלאזן זיין הויז און זיך פאראייניגן מיט עם ישראל. ס'איז גאר נישט אזוי גרינג זיך פלוצלינג אויפצוהייבן און אריבערגיין צו א נייער פלאץ!

מיין רבי איז מסביר אז ווען יתרו האט געהערט איבער די אויסטערלישע ניסים וואס דער אויבערשטער האט געטון פאר כלל ישראל, וואונדער וואס זענען נאך קיינמאל נישט פארגעקומען אויף דער וועלט, האט ער פארשטאנען אז דאס מוז זיין עפעס ספעציעלע געשעענישן, און ער וויל אויך זיין א חלק דערפון אפילו דאס מיינט טוישן זיין גאנצע לעבן!

"זייער שיין לעזער" האט די מאמע קאמענטירט, "ס'איז א ערליכע ווארט!"

"איך האב א קשיא!" האט דוד זיך אריינגעמישט. "אמת אז יתרו האט געהערט איבער אלע ניסים וואס זענען געשען צו די אידן אבער ער האט נאכנישט געוואוסט פון די אלע ניסים וואס וועט פארקומען שפעטער אין מדבר און אז צום סוף וועט מען באקומען די הייליגע תורה.

ווען ער איז געקומען זיך מגייר זיין האט מען שוין געהאלטן נאך די צען מכות. פרעה האט שוין געהאט זיין מפלה. יעדער האט הנאה געהאט צו זען פרעה מיט פודזשאמעס אינמיטן די נאכט! קריעת ים סוף איז שוין געשען - די געשמאק פון מיטהאלטן ווי אזוי אלע שלעכטע מצריים דערטרינקען זיך איז שוין אויך דערנאך.

די אידן זענען שוין רייך געווארן פון די גאלד און זילבער וואס זיי האבן גענומען פון די טויטע מצריים. פארוואס זאל יתרו יעצט וועלן קומען צו די אידן ווען אלע געשמאקע זאכן זענען שוין אריבער?"

"דו ווייסט, דוד?" האט דער טאטע געכאפט התפעלות פון דער קשיא, "ס'איז מיר קיינמאל נישט איינגעפאלן צו טראכטן דערפון. לאמיר גיין פרעגן די שאלה פון הרב רוטנער שליט"א, מארגן אי"ה נאכ'ן דאווענען.

### שבת אינדערפרי אין שול

גלייך נאך מוסף האבן דוד און לעזער אנגעהויבן צאמנעמען און אוועקלייגן די סידורים און חומשים פון די טישן. דאס איז געווען זייער מנהג יעדע וואך שבת. און אזוי פיל ווי די

ארבעט איז געווען אזוי שטארק האבן זיי ליב געהאט דאס צו טון.

אינמיטן אוועקפאקן די ספרים האבן זיי באמערקט מר. אבראהאמ׳ס, וועלכער איז געווען ניי דא אין שול - דער טאטע האט זיי שוין געזאגט אז ער האט זיך נאר לעצטנס אריבערגעצויגן פון מאנטאנע קיין בארא פארק. מאנטאנע?! דוד און לעזער האבן בכלל נישט געוואוסט וואו דאס געפונט זיך אבער עס זעט אויס ווי דאס איז זייער ווייט אוועק - אפשר נאך ווייטער ווי לעיקוואוד!

"אינגלעך, וואלט עטס מסכים געווען אז איך זאל ענק העלפן?" האט מר. אבראהאמ׳ס געפרעגט, "איך וואלט זייער געוואלט נעמען א חלק אין די מצוה פון האלטן דער שול ריין און צאמגענומען."

זייער גערן," האט דוד העפליך געענטפערט, "איר פלעגט דאס אויך טון אין אייער שול אין מאנטאנע?"

"ההמם, מיר האבן בכלל נישט געהאט א שול אין מאנטאנע, עס זענען ניטאמאל דא אידן דארט," האט ער געענטפערט מיט א גלאנץ אין די אויגן.

"נישטא קיין אידן?! און נישט קיין שול?!" האט דוד נישט פארשטאנען, "איז וואס האט איר - איך מיין, ווי אזוי זענט איר - איך מיין צו זאגן, פארוואס זענט איר געווען אין מאנטאנע?"

מר. אבראהאמ׳ס האט געשמייכלט. "איך בין דער איינציגסטער איד פון מיין שטעטל.. ווייל איך בין א גר צדק - איך האב מיך מגייר געווען צו אידישקייט."

"אָה הַא! דאס איז זייער אינטערעסאנט!" האט דוד געזאגט, "מיר האבן די וואך געלערנט אין חדר פון יתרו אבער איך האב נאך קיינמאל נישט עכט געטראפן א געהעריגער גר. ווען זענט איר געווארן א איד?"

"דאס איז זייער א לאנגע מעשה," זאגט מר אבראהאמ׳ס, אבער איך וועל עס מאכן אין קורצן. איך בין א גרויסער ליינער. איך האב אלעמאל ליב געהאט צו ליינען בוכער נאך סקול און ווי מער איך האב געליינט אלץ מער בין איך געווארן נייגעריג צו וויסן איבער אידן.




איך האב געליינט איבער די פעלקער פון אמאליגע צייטן און ווי אזוי זיי זענען געווארן גרויס און מעכטיג אבער צום סוף זענען זיי אלע פארלוירן געגאנגען. עס זענען מער נישט דא די אלטע מצריים, נישט די גריכן און נישט די רוימער אדער בבליים! אבער דאס קליין אידישע פאלק לעבט נאכאלץ. זיי גייען ווייטער אן מיט זייער אידישקייט ווי פאר טויזענטער יארן צוריק. איך האב פארשטאנען פון דעם אז דאס איז א געוואלדיגער נס!



איך האב אריינגעקלערט אין די אלע ניסים וואס דער אויבערשטער האט געטון מיט עם ישראל, צום ביישפיל יציאת מצרים, קריאת ים סוף, דער מן און אלעס ארום, און איך האב פארשטאנען אז דער אויבערשטער האט דאס עקסטער געטון צו ארויסווייזן אז ער האט זיי זייער ליב.

השי"ת כביכול וואלט געקענט ראטעווען די אידן דורך פארשידענע אנדערע וועגן אן קיין אפענע ניסים. פרעה וואלט ווען געקענט באקומען די פלו און זיין שטארק קראנק זיי צו נאכיאגן. אבער דער חובת הלבבות ברענגט אז די ניסים זענען געווען א ספעציעלע מתנה וואס השי"ת האט געגעבן פאר די אידן זיי צו ווייזן ווי שטארק ער האט זיי ליב און אז ער וועט זיי שטענדיג באשיצן. ס'איז געווען א וועג צו זאגן פאר די אידן אז ער וועט טון אלעס פאר זיי און זיי וועלן בלייבן חי וקיים.

ווען איך האב דאס אלעס געליינט האב איך מחליט געווען אז איך וויל מיך באהעפטן צו דער ספעציעלער אויסדערוועלטער פאלק. אויב השי"ת האט זיי אזוי ליב אז ער וועט שפאלטן די וואסערן פאר זיי, דאן וויל איך אויך זיין א חלק דערפון!"

פונקט דאן איז דער טאטע אנגעקומען. "יישר כח צו אייך, מר. אבראהאמ'ס פאר'ן ארויסהעלפן. אינגלעך, ענק האבן שוין פארגעסן אז מיר האבן א שאלה וואס מיר דארפן פרעגן פונעם רב? לאמיר שנעל צוגיין איידער ער גייט אהיים!"

"זארג נישט טאטי," האט דוד געזאגט, "מר. אבראהאמ'ס האט אונז שוין מסביר די תשובה פאר די שאלה וואס מיר האבן געהאט פרייטאג צונאכטס ביי דער סעודה. ווען יתרו האט געהערט פון די גרויסע ניסים וואס דער אויבערשטער האט געטון צו די אידן האט ער פארשטאנען אז דאס איז א פאלק וואס ער האט דאס מערסטע ליב. האט ער מחליט געווען נישט צו בלייבן אין מדין וואו ער וועט פארגעסן ווערן מיט די יארן נאר ער וויל ענדערש באלאנגען צו פאלק וואס וועט אייביג האבן א קיום."


הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך
ר' משה בערגמאן שליט"א
קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3